אויגוסט 15, 2018

קאמישאנער מעריעללן עליא
ניו יארק סטעיט קאמישאנער אוו עדיוקעישאן
ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט
89 וואשינגטאן עוועניו
אלבאני, ניו יארק, 12234

<u>בנוגע: סאבסטענשל עקוויוועלענס ענקווייערי</u>
אנבאלאנגט: "באדייטענדע אייניגקייט" אויספארשונג
דהיינו: צי מוסדות התורה שטעלן צו א חינוך וואס איז 'באדייטענד אייניג' מיטן פאבליק סקול חינוך

גערטע קאמישאנער עליא:

אין יולי 2015, האט די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן ("DOE") באקומען א בריוו איבער די נושא פון "באדייטענדע אייניגקייט" אין 39 ישיבות וואס געפינען זיך אין ניו יארק סיטי. דער דאזיגער בריוו דינט אויך פאראויס צו ברענגן די נושא און צו פארלאנגען הדרכה פון ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט ("NYSED" אדער "SED"), איבער די קומענדיגע שריט.

דורכאויס דעם פראצעדור איז אונזער ציל געווען, און איז ווייטער, צו קאלאבארירן מיט די באטרעפענדע מענטשן און ארגאניזאציעס צו פארבעסערן דעם קוואליטעט פונעם חינוך וואס ווערט צוגעשטעלט דורך פריוואטע שולעס. מיר גלייבן שטארק אז עס איז פאראן א מקום צו פארבעסערן יעדע שולע, פובליק ווי פריוואט, און אז דער וועג צו אן אמערסטענס פראדוקטיווער וועג צו א מיינונגספולע, אנגייענדיגע פארבעסערונג איז דורך קאלאבאראציע. מיר האבן געזוכט צו באלאנסירן די רעכטן פון עלטערן און פריוואטע ארגאניזאציעס אין די זעלבע צייט וואס מיר ערפילן די לעגאלע פאדערונג אז פריוואטע שולעס זאלן צושטעלן א חינוך וואס איז 'באדייטענד אייניג' צום חינוך וואס ווערט צוגעשטעלט אין פובליק סקולס.

דער בריוו אנטהאלט פיר הויפט פרקים: א תמצית פונעם געזעץ און הדרכה; אן איבערבליק איבער די קלאגע; אן איבערזיכט פון די צוזאם-ארבייט צווישן די DOE און די שולעס וואס זענען אויסגערעכנט אין די קלאגע; און א פארלאנג פאר הדרכה וויאזוי ממשיך צו זיין.

### 1. די "סאבסטענשעל עקוויוועלענס" (באדייטענדע אייניגקייט) געזעץ און אנווייזונגען

דער געזעץ אין ניו יארק סטעיט פאדערט אז פריוואטע שולעס זאלן צושטעלן א חינוך וואס איז 'באדייטענד אייניג' מיטן חינוך וואס ווערט צוגעשטעלט אין פובליק סקולס. די SED האט

ארויסגעגעבן הדרכה צו העלפן סקול דיסטריקטס פארשטיין זייער ראלע אין איינהאלטן דעם געזעץ. אין אפריל 2018, איז די "באדייטענדע אייניגקייט" אויסגעבעסערט געווארן. די SED האט נישט ארויסגעגעבן קיין נייע הדרכה זייט די אויסבעסערונגען זענען באשטעטיגט געווארן. וויבאלד די אויספארשונג דעקט א תקופה פון ביידע, סיי דעם עקזיסטירענדען געזעץ און סיי אירע לעצטיגע אויסבעסערונגען, דערפאר ווערן ביידע אויסגעשמועסט בפרטיות.

**א. געזעץ**

בעפאר אפריל 2018, איז דער עדיוקעישאן געזעץ, סעקשאן 3204(2) -- וואס איז דער סעקשאן אין געזעץ וואס פאדערט אז פריוואטע שולעס זאלן צושטעלן א "באדייטענדן אייניגן" חינוך -- געווען גילטיג איבער אלע פריוואטע שולעס אין ניו יארק סטעיט, און עס האט געפאדערט אז "אינסטרוקציעס וואס ווערן געגעבן פאר א מינדעריעריג קינד וואס גייט אין א פריוואטע שולע זאל זיין לכל הפחות "באדייטענד אייניג" מיט אינסטרוקציעס וואס ווערן געגעבן פאר מינדעריעריגע קינדער אינעם זעלבן יארגאנג און כשרונות אין פובליק סקול פון די שטאט אדער דיסטריקט ווי דאס קינד וואוינט". עס פאדערט אויך, מיט א באגרעניצטן אויסנאם, אז די אינסטרוקציעס מוזן זיין אויף ענגליש און די טעקסטביכער מוזן זיין געשריבן אין ענגליש. וואס איז נוגע צו די פראגע פון "באדייטענדע אייניגקייט", טוט סעקשאן 3204(3)(a) פארשרייבן די שטודירונג קורס פאר פובליק סקולס. די שטודירונג קורס פארלאנגט, אז אין די ערשטע אכט יאר פון גאנץ-טעגליכע פובליק סקול, "מוזן אינסטרוקציעס זיין לכל הפחות אין די צוועלף געוועגליכע צווייגן פון חשבון, ליינען, ספעלן, שרייבן, די ענגלישע שפראך, געאגראפיע, אמעריקאנער געשיכטע, סיוויקס, ריינקייט, פיזישע טרענירונג, ניו יארק סטעיט געשיכטע, און וויסנשאפט". נאך די ערשטע אכט יאר דארף די שטודיע קורס "צושטעלן אינסטרוקציעס לכל הפחות די ענגלישע שפראך און איר באנוץ, אין סיוויקס, ריינקייט, פיזישע טרענירונג, און אמעריקאנער געשיכטע, אריינגערעכנט די פרינציפן פון רעגירונג וואס זענען פראקלאמירט געווארן אין די "דעקלעראציע פון זעלבסטשטענדיגקייט" (דעקלערעישאן אוו אינדעפענדענס), און אריינגעשטעלט געווארן אין די אמעריקאנער קאנסטיטוציע". קוקט אויך נאך די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט אנווייזונגען וויאזוי מ'באשטימט 'אייניגקייט' פון אינסטרוקציע אין פריוואטע שולעס ("SED גיידליינס"), פראגע 24. די SED אנווייזונגען רעכענען אויס אנדערע פארלאנגען אויך, למשל, אז פריוואטע שולעס זאלן האלטן אטענדענס (אנוועזנהייט) רעקארדס (קוקט אויך נאך די ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן געזעץ אפטיילונג 3211 און 8 NYCRR 104.1) און אז די כיתות פון 7 ביז 12 זאלן האבן אן אנווייזונג פראגראם (זע אויך 8 NYCRR 100.2(j)). די שטאטוטן, רעגולאציעס און אנווייזונגען זענען מגדיר וואס ס'האט געמיינט א "באדייטענד אייניגער" חינוך אין די צייט וואס די באזוכן אין די שולעס זענען אפגעהאלטן געווארן.

אין אפריל 2018, ווי איר ווייסט, איז דער עדיוקעישאן געזעץ 3101(2) אויסגעבעסערט געווארן. בנוסף צום כולל זיין פעאיגקייט-באזירטע פאקטארן (אזוי ווי שרייבן, חשבון, טעקסט אנאליז, און

קריטיש-טראכטן פעאיגקייטן), וואס דארפן גענומען ווערן אין באטראכט בשעת'ן באשטימען די 'איניגקייט' פונעם חינוך אין פריוואטע שולעס מיט פובליק סקולס וואס קומען נאך א געוויסע קרייטיריע (ארייגערעכנט דאס אז יעדע דערפון איז נאן-פראפיט קארפארעישאן; פארמאגט א צוויי-שפראכן'דיגער פראגראם פארלענגערטע שולע-טאג מיט באשטימטע שעות און טאג), זע עדיוקעישאן געזעץ 3204(2)(ii) און (iii) -טוען די אויסבעסערונגען ווייטער פארשרייבן אז אנבאלאנגט צו שולעס וואס שטעלן צו פרידן די קריטעריע, זאל דער קאמישאנער באשטימען צי די דאזיגע שולעס שטעלן טאקע צו א חינוך וואס איז "באדייטענד איניג" מיט די אינסטרוקציעס וואס ווערט צוגעשטעלט פאר קינדער פונעם זעלבן עלטער און כשרונות אין פובליק סקולס אין די סיטי אדער דיסטריקט אין וועלכער דער מינדעריעריג קינד וואס גייט אין א פריוואטע שולע, וואוינט (קוקט נאך דעם עדיוקעישאן געזעץ 3204(2)(i) און (v)).

**ב. אנווייזונגען (גיידליינס)**

די איצטיגע SED אנווייזונגען צו באשטימען אינסטרוקציע "אייניגקייט" פאר פריוואטע שולעס ("די SED גיידליינס") זענען באזירט אויפן געזעץ לויט וויאזוי עס האט עקזעסטירט פאר די 2018 אויסבעסערונג. יענע אנווייזונגען פאדערן אז ווען "אן ערנסטע זארג קומט אויף איבער אינסטרוקציע אייניגקייט אין אן עטאבאלירטע פריוואטע שולע, דארף דער סופעראינטענדענט אינפארמירן די פריוואטע שולע באאמטע אז א פראגע איז אויפגעברענגט געווארן איבער די אייניגקייט פונעם חינוך אין זיין שולע". אויב דער פראבלעם איז נישט געלייזט געווארן נאך דעם שמועס, דאן דארף דער סופעראינטענדענט "שריפטליך צושטעלן פאר די פריוואטע סקול באאמטע דעם יסוד פון די פראגע, [און] ... זאל ... פארלאנגען א באזוך אין די פריוואטן סקול אין א צייט וואס איז באקוועם פארביידע, נאכצוזוכן די אינפארמאציע וואס האט געפירט צו די באהויפטונג אז ס'איז נישט פאראן קיין "אייניגקייט". אין צוגאב, דארף "דער סופעראינטענדענט איבערקוקן די מאטריאל און אינפארמאציע וואס איז פארבינדן מיט די באהויפטונג און דורכשמועסן מיט די פריוואטע שולע באאמטע פלענער וויאזוי צו פאריכטן דעם פעלער". די SED אנווייזונגען שרייבן אויך פאר אז "אויב דער פראבלעם קען פאררעכטן ווערן אין א מעסיגע שטיק צייט, דארף דער סופעראינטענדענט און דער אדמיניסטראטאר איינשטימען אויף א פלאן און א סקעדזשול ווען א צופרידענשטעלענדע לייזונג דארף דערגרייכט ווערן".

בקיצור, די SED גיידליינס ערקלערן און אנטוויקלען די סקול דיסטריקטס פארפליכטונגען אונטערן געזעץ בעפאר די לעצטענס'דיגע אויסבעסערונגען, פאדערן קאלאבאראציע מיט די באטרעפענדע שולעס, נאכצופאלגן די פאלגענדע שריט:

1. אפשאצן צו עס איז פארהאן אן ערנסטער פראבלעם.
2. אינפארמירן די באאמטע פון די פריוואטע שולע איבער דעם פראבלעם.
3. בעטן און באקומען ערלויבעניש צו באזוכן די שולע.

4. איבערקוקן מאטריאלן און דאס דורכשמועסן מיט די שולע.
5. אפמאכן א פלאן מיט די סקול.

די אנווייזונגען זענען געווען די באזיס פון די DOE'ס שריט איבער דעם ענין ביז אהער.

**2. די אנקלאגע בריוו**

במשך דעם זומער פון 2015, האט די DOE באקומען א בריוו דאטירט אום יולי 27, 2015, אונטערגעשריבן דורך 52 מענטשן וואס דערקלערן זיך אלס "עלטערן פון איצטיגע תלמידים, געוועזענע תלמידים און געוועזענע טיטשערס" (די "אנקלעגער"), פון איינע אדער מער פון די 39 ישיבות וואס ווערן אויסגערעכנט אינעם בריוו (די "אנקלאגע"). דער אנקלאגע בריוו איז געווען אדרעסירט צום קאמיוניטי דיסטריקט סופעראינטענדענט פון קאמיוניטי שולע דיסטריקטס 13, 14, 15, 17, 20, 21, און 24. א קאפיע איז אויך צוגעשיקט געווארן פארן קאנצלער. דער בריוו באשולדיגט אז די אויסגערעכנטע ישיבות "שטעלן נישט צו א חינוך וואס קומט נאך די פאדערונג פון באדייטענדע אייניגקייט" און אז "ביי די אויסגערכענטע ישיבות, ווערן ענגליש און חשבון געלערנט פון ארום 7 ביז 13 יאר, פאר א דורכשניטליכע צייט פון בלויז 90 מינוט און נאר פיר טעג א וואך. אנדערע סעקולערע טעמעס ווערן בכלל נישט געלערנט, און אוודאי נישט אויף ענגליש. אין די ישיבות הערט מען אויף צו לערנען מיט אינגלעך ענגליש ביי די 13 יאר. מיידלעך באקומען בדרך כלל א בעסערן סעקולארן חינוך ווי אינגלעך, אבער מיר זענען נאך אלץ באזארגט אז עס איז נישט גענוג זיי פארצוגרייטן פאר זייער צוקונפט". דער אנקלאגע בריוו פארלאנגט אז די DEO "זאל אריינקוקן אין די "באדייטענדע אייניגקייט" פונעם חינוך וואס ווערט צוגעשטעלט אין די ישיבות אויסגערעכנט אויף די בייגעלייגטע ליסטע".

**א. מעלדונג פאר די אויסגערעכנטע סקולס**

א קורצע צייט נאכן ערהאלטן די אנקלאגע בריוו, האט די DOE אנגעהויבן אן אויספארשונג איבער די אנקלאגעס.

אין איינקלאנג מיט די SED אנווייזונגען, האט די DOE אנגעהויבן קאמיוניקירן מיט פריוואטע סקולס דערוועגן, און אויספארשן די אנקלאגעס.

אלס אן ערשטן שריט, האט דער העכסטער געהילף קאנצלער געהאט אינערליכע מיטינגען מיט די סופעראינטענדענטס פון די דיסטריקטס וואו די אויסגערעכנטע ישיבות געפינען זיך (די "באטרעפענדע דיסטריקטס"). און צוגאב, האט דער געהילף קאנצלער איבער ווירטשאפטליכע ענינים זיך געטראפן מיט מיטגלידער פון פריוואטע סקולס "סטענדינג קאמיטע", זיי צו אינפארמירן איבער די אנקלאגע.

אום אוגוסט 27, 2015, האבן די סופעראינטענדענטס פון די באטרעפענדע דיסטריקטס זיך געטראפן מיט פירער פון די ישיבות וואס ווערן אויסגערעכנט אין די אנקלאגע, דורך צו שמועסן די באשולדיגונגען וואס זענען אויסגערעכנט אינעם בריוו, די פראצעדור פון די DOE'ס "איינינגקייט" איבערזיכט, און די פאדערונגען פונעם ניו יארק סטעיט קאמישאנער אוו עדיוקעישאן איבער "באדייטענדע איינינגקייט". דער סופעראינדענטענט וואס האט אנגעפירט די מיטינג האט פארלאנגט פון יעדע ישיבה פירער וואס איז איינגעלאדענט געווארן זיך צו באטייליגן אין די מיטינג, אז זיי זאלן געבן פאר די DOE מאטריאל וואס שילדערן די סעקולארע קעריקולע (לערן פלאן) וואס ווערט געלערנט אין זייערע ישיבות און די קוואליפיקאציעס פון די טיטשערס וואס שטעלן צו די סעקולארע אינסטרוקציעס, און האט אויסגעטיילט מאטריאל זיי צו העלפן אין דער פראצעדור ("אויגוסט 27 מיטינג מאטריאל"). אום אוגוסט 31, האט דער אפיס פונעם דעפיוטי קאנצלער פאר ווירטשאפטליכע ענינים געשיקט א בריוו צו די ישיבה פירער וועלכע האבן זיך נישט געקענט באטייליגן אין די מיטינג, וואס האט פארמאגט קאפיעס פון די אוגוסט 27 מיטינג מאטריאל, און עס האט פארלאנגט אז די פירער פון יענע ישיבות זאלן צושטעלן זייער קאריקולע מאטריאל פון זייערע סעקולארע שטודיע קורסן און די קוואליפיקאציעס פון די טיטשערס וואס לערנען די קורסן.
אום אקטאבער 16, 2015, האט דער דעפיוטי קאנצלער פאר ווירטשאפטליכע ענינים באקומען א בריוו אין נאמען פון די ישיבות וואס האבן באקומען די אוגוסט 27 מיטינג מאטריאל. דער בריוו האט אויסגעדרוקט אז עס ווערט געשריבן אין א גייסט פון קאלאבאראציע און קאאפעראציע, עס האט פארלאנגט א קאפיע פון די אנקלאגע בריוו, דיסקוטירט די פראצעדור וואס דארף אויסגעפאלגט ווערן ביים אויספארשן די "באדייטענדע איינינגקייט" פראבלעם וואס איז אויפגעברענגט געווארן אינעם בריוו, און אנגעמערקט דעם קאנסטיטוציאנאלן יסוד אז עלטערן האבן רעכט צו "צייגן" דעם חינוך פון זייערע קינדער.

**ב. אינטערוויוס מיט די אנקלעגער**

אנגעהויבן פונעם הערבסט סעמעסטער פון 2015, און פארזעצנדיג ווייטער ביזן זומער פון 2016, האט די DOE זיך געטראפן מיט די אנקלעגער צו באשטימען אויב די באשולדיגונגען אינעם בריוו שטעלן מיט זיך טאקע פאר אן "ערנסטע זארג" לויט די SED אנווייזונגען. די DOE האט דורכגעפירט סיי א קליינע-גרופע מיטינג אין דעצעמבער פון 2015, און סיי אינדיווידועלע אינטערוויוס דורכאויס דעם פרילינג סעמעסטער פון 2016, מיט אנקלעגער וואס זענען אדער אליינס געגאנגען, אדער געהאט קינדער וואס זענען געגאנגען אין די ישיבות וואס ווערן אויסגערעכנט אינעם בריוו. ביי די קליינע-גרופע מיטינג, האבן געוועזענע תלמידים און עלטערן פון איצטיגע תלמידים געשילדערט דעם סעקולארע חינוך וואס זיי האבן אדער זייערע קינדער באקומען אין די ישיבות ווי זיי אדער זייערע קינדער האבן געלערנט. רוב האבן געזאגט אז די אינגל חדרים שטעלן צו סעקולארע אינסטרוקציע אין ענגליש און חשבון לכל היותר 90 מינוט א טאג (חוץ פרייטאג), ביז די קינדער דערגרייכן דעם עלטער פון 13, וואס נאך דעם ווערן שוין קיין שום סעקולארע שטודיעס נישט

צוגעשטעלט -- נאר רעליגיעזע לימודים. פאלגענד איז א קיצור פון די אינפארמאציע וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך די יחיד'ישע אנקלעגער וואס זענען אינטערוויואירט געווארן אין פארלויף פונעם פרילינג סעמעסטער פון 2016, און האבן אויך אונטערגעשריבן דעם בריוו. בסך הכל, האבן די יחידים וואס זענען אינטערוויואירט געווארן -- אדער ביי די קליינע-גרופע מיטינג אדער אליינס -- צוגעשטעלט אינפארמאציע איבער ארום 11 שולעס וואס זענען אויסגערעכנט אין די אנקלאגע בריוו.

_סעקולארע אינסטרוקציע פאר כיתות פון פרי-קעי ביז 7_: אלע אינטערוויואירטע אנקלעגער האבן געזאגט אז די ישיבות פאר אינגלעך, הייבן זיך די קלאסן געווענליך אן 8:00 אזייגער אינדערפרי, און אפט ענדיגט זיך נישט ביז 5:00 אזייגער נאכמיטאג ביי די נידריגערע קלאסן, און ביז 6:00 אזייגער נאכמיטאג אדער שפעטער פאר די מיטעלע און עלטערע קלאסן. דורכאויס די צייט, האבן זיי באקומען אומגעפער 1-2 שעה (געווענליך 90 מינוט) פון סעקולארע אינסטרוקציע יעדן טאג (חוץ פרייטאג) ביז די תלמידים ווערן 13 יאר אלט, וואס דעמאלט האבן זיך די סעקולארע שטודיעס זיך געגצליך אפגעשטעלט. טייל פון די אינטערוויואירטע אנקלעגער האבן באריכטעט אז דאס אנוועזנהייט ביי די סעקולארע שטודיעס צייט אפשניט איז באהאנדלט געווארן אלס פרייוויליג (בהתנדבות) ענדערש ווי געפאדערט (בהתחייבות), וויבאלד די שולע אדמיניסטראטארן האבן נישט געצווינגען מ'זאל אנוועזנד זיין דערביי.

_חשבון_: אלע אינטערוויואירטע אנקלעגער האבן געזאגט אז די סטודענטן לערנען פשוט'ע חשבון, אזוי ווי 'פלאס', 'מיינוס' און 'מאלטיפליקעישן'. ביי פילע פון זיי איז די לעצטע תוכן'דיגע לערע געווען 'פרעקשאנס'. פאר טייל איז 'דיוויזישאן' געווען די לעצטע לערע וואס זיי האבן געלערנט. פילע האבן געזאגט אז די טעמעס זענען פארגעשטעלט געווארן אלס אן אריינפיר, און וויניג-וואס אנטוויקלונג אדער נאכפאלגונג.

_ענגלישע שפראך_: אלע אינטערוויואירטע אנקלעגער האבן געזאגט, אז היות מ'הייבט אן לערנען די אידישע אלף-בית אין זייער פריע כיתות (ד.ה. פרי קינדערגארטן און קינדערגארטן) ממילא ווערט ענגליש אפגעלייגט ביז די ערשטע, צווייטע אדער דריטע קלאס. טייל פון די אנקלאגער האבן געזאגט אז האבן זיך נישט אויסגעלערנט ליינען ביז די דריטע קלאס. איינער האט געזאגט אז אין קינדערגארטן און ערשטע קלאס האבן תלמידים געלערנט די ענגלישע בוכשטאבן, און אנגעהויבן לערנען וויאזוי אויסצילייגן ווערטער. זיי האבן ווייטער געזאגט אז תלמידים האבן זיך געווענליך אויסגעלערנט וויאזוי צו ליינען ענגליש אין עלטער פון ארום זיבן אדער אכט יאר (ד.ה. צווייטע אדער דריטע קלאס). טייל פון די אנקלעגער האבן באריכטעט אז זיי האבן געלערנט צי שרייבן "סקריפט", אבער זיי האבן נישט באקומען קיין פארמאלע גראמאטיק אינסטרוקציע אדער עסעי שרייבונגען. פול פון זיי האבן געזאגט אז זיי האבן היינט שוועריקייטן צו שרייבן ווי ס'באדארף צו זיין.

_וויסנשאפט_: אלע אינטערוויואירטע אנקלעגער האבן באריכטעט אז תלמידים האבן נישט באקומען קיין אינסטרוקציע דורך א ווינסשאפט קאריקעלום. איינער האט געזאגט אז אמאל אמאל זענען

וואוסענשאפטליכע עקספערימענטן געמאכט געווארן אין קלאס, אבער דאס איז נישט געווען קיין טייל פון אן ארגאניזירטע קאריקולעם.

*היסטאריע*: אלע חוץ צוויי אינטערוויואירטע אנקלעגער האבן באריכטעט אז גאר ווייניג אדער גארנישט קיין אינסטרוקציע איז זיי געגעבן געווארן אין אמעריקאנער געשיכטע אדער ניו יארקער געשיכטע. טייל פון זיי האבן באריכטעט אז מען האט יא געלערנט עפעס געאגראפיע, ווי למשל די נעמען פון סטעיטס און הויפטשטעט.

*שפראך פון אינסטרוקציע*: די אינטערוויואירטע אנקלעגער האבן באריכטעט אז די שפראך וואס ווערט גענוצט צום לערנען די סעקולארע לימודים זענען ענגליש אדער אידיש, אדער א געמיש פוןביידע. די טעקסטביכער פון די סעקולארע טעמעס זענען געווען געשריבן אין ענגליש. איינע פון די אינטערוויואירטע אנקלעגער האט געזאגט אז אין די אינגערע כיתות, האבן די סעקולארע ביכער על פי רוב בילדער און נישט מער ווי דריי ווערטער אויף א בלאט. ער האט ווייטער געזאגט אז אין די העכערע קלאסן ווערן די ביכער מער קאמפליצירט -- ביז נאך די זעקסטע קלאס -- בילדער און טעקסט ווערן פארקירצט כדי צו מאכן אז די ביכער זאלן זיין אין איינקלאנג מיט די קולטוראלע און רעליגיעזע ווערטן פון די שולע. א צווייטער אינטערוויואירטע אנקלעגער האט געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט גענוצט קיין לייען בוך.

### 3. DOE קאמוניקאציע מיט די באטרעפענדע ישיבות

ווען די אינטערוויוס מיט די אנקלעגער האבן זיך געענדיגט אנפאנג זומער 2016, און אין איינקלאנג מיט די SED אנווייזונגען, האט די DOE ממשיך געווען און אויסגעברייטערט דעם דיאלאג מיט די ישיבות וואס זענען אויסגערעכנט אין די בריוו. ווי אויבן דערמאנט, איז די DOE שטארק איבערצייגט אז דער שנעלסטער און מערסטע אנהאלט'בארער וועג צו שולע פארבעסערונג, ווי אויך דער וועג צו די טיפסטע ענדערונג, איז דורך קאלאבאראציע און קאמיוניטי מיטארבייט. דאס איז ריכטיג געווען ביי דעם צוגאנג פון DOE צום פארבעסערן די סקולס אין דיסטריקט שולעס, וויאויך אין איר צוגאנג צו קאלאבאראציע מיט טשארטער סקולס, און איז אייניג ריכטיג אין איר צוגאנג צו ארבייטן אינאיינעם מיט פריוואטע שולעס.

#### א. דער ענטפער פון ישיבה פירער און פארטרעטער

אין פרילינג פון 2016, האט זיך די DOE געטראפן מיט פירער פון די ישיבה קאמיוניטי דורכצושמועסן די עדיוקעישאן וואס ווערט צוגעשטעלט אין די ישיבות. ביי די דאזיגע מיטינגען, האבן רעליגיעזע פירער און קוריקעלום עקספערטן דורכגעשמועסט דעם תוכן פון די קוריקולע וואס ווערן געלערנט אין די ישיבות און די רעפארמען וואס ווערן פלאנירט.

ביי א מיטינג וואס איז אפגעהאלטן געווארן מאי 12, 2016, אין די DOE הויפטקוואטיר, האבן פארטרעטער פון די ישיבה קאמיוניטי, אריינגערעכנט א אידישער חינוך עקספערט, א פראפעסער פון נוצבארע פסיכאלאגיע, ווי אויך א געזעץ פראפעסאר, זיך געטראפן מיט DOE סופעראינדעדענטס און אנדערע הויכראנגיקע אדמיניסטראטארן, ווי אויך אדוואקאטן פוןביידע גרופעס, צו שילדערן די מטרה פון ישיבה חינוך, איר פלאץ ביי די חסידישע געמיינדע, און די סעקולארע קאריקולע וואס ווערט צוגעשטעלט אין די דאזיגע שולעס. די ישיבה פארטרעטער האבן געזאגט אז זיי שאפן א נייעם סעקולארן קוריקולע אין "ענגלישע שפאך ארטס" ("ELA") פאר די קלאסן פון 4 ביז 6, און אין חשבון פון קלאסן 1 ביז 3. זיי ארבעטן מיט צוויי וואויל-באקאנטע פובליצירער, "סאדליער אקספארד" און "האכטאן מיפלין", צו שאפן טעקסט ביכער פאר די חשבון קוריקולע און קולטוראל-אויסגעהאלטענע לייען ביכער פארן ELA קוריקולעם. חוץ מזה, האט דער פראפעסאר פון נוצבארע פסיכאלאגיע ערקלערט אז חלקים פון די אידישע שטודיעס קוריקולעם שטעלן צופרידן די "קאמאן קאור לוירנינג סטאנדארדס" (CCLS), וויבאלד זיי לערנער פעאיגקייטן אזוי ווי ליינען אויפכאפונג, ציען מסקנות און לאגיש-טראכטן. דער פראפעסאר האט ווייטער ערקלערט אז מ'קען שאפן קראס-וואלק [א טאבעלע וואס ציינגט ווי עטליכע סעפאראטע סיסטעמען קומען זיך צונויף] צו צייגן א מאפע פון לימודי קודש קוריקולעם אין פארגלייך מיט CCLS. זי האט אויך ערקלערט אז געוויסע סעקולארע שטודיעס, אזוי ווי וויסנשאפט און חשבון, זענען געדעקט אינערהאלב די לימודי קודש קוריקולעם.

יוני 30, 2016, זענען פירער פון די ישיבות, אריינגערכענט סקול פירער, געקומען צום DOE הויפטקוואטיר זיך צו די טרעפן מיט א DOE גרופע פון סופעראינטענדענטס, הויכראנגיקע אדמיניסטראטארן, ווי אויך אדוואקאטן פון ביידע גרופעס. ביי די מיטינג, האט דער אידישער חינוך עקספערט, דער פראפעסער פון נוצבארע פסיכאלאגיע, און דער געזעץ פראפעסאר, געמאכט פרעזענטאציעס. די טעמעס וועלן שפעטער אויספירליך געדעקט ווערן, אנגעהויבן מיט די ארבעט וואס די שולעס האבן געטון צו אנטוויקלען א נייעם קוריקולעם פאר סעקולארע שטודיעס.

**א-1. שאפן א נייע, שטרענגערע סעקולארע שטודיעס קאריקעלום**

ביי די יוני 2016 מיטינג, איז די DOE אינפארמירט געווארן אז די ישיבות קאלאבארירן צו אנטוויקלען און אדאפטירן א נייעם קאריקולעם אין די "ענגליש שפראך ארט" ("ELA") פאר די קלאסן צווישן 4 און 6, און אין חשבון פאר די קלאסן פון 1 ביז 3. די אונטערנעמונג איז ארגאנאזירט געווארן דורך די נאן-פראפיט ארגאניזאציע "עלטערן פאר ערציאונג און רעליגיעזע פרייהייט אין שולעס" (PEARLS). 'פיערלס' איז א נאן-פראפיט ארגאניזאציע וואס איז געגרינדעט געווארן אין 2016, מיטן ערקלערטן ציל אויסצודריקן די וויכטיגקייט און חשיבות פונעם חינוך סיסטעם פון ישיבות, און זיך אננעמען פאר די רעכט פון עלטערן אויצוקלויבן א רעליגיעז-אידישע ערציאונג פאר

זייערע קינדער. די ארבייט איז געווען באגלייט מיט א מינדליכע התחייבות אז די קאריקולעם וועט אדאפטירט ווערן דורך רוב אדער אלע ישיבות, און וועט ווייטער אויסגעברייטערט ווערן יעדעס יאר[1]. ווי געשילדערט דורך פארטרעטער פון די ישיבות, נוצט די ELA קאריקולעם "לעוול'ד רידערס" [לייען ביכער וואס פראגרעסירן שטאפל-ווייז לויט די פעאיגקייט פון די תלמידים] וואס לערנען ELA דורך א כלליות'דיגן צוגאנג (ספעלינג, וואקאבולארי און גרעממער וואס איז פארבינדן מיטן טעקסט), און דער חשבון קאריקולעם באנוצט זיך מיט א פראבלעם-לייזונג און קריטיש-טראכטן צוגאנג. לויט די 'פיערלס' פארטרעטער, טוט זיך די נייע ELA און חשבון קאריקולעם אויסגלייכן מיט די "קאמאן קאור לערנונג סטאנדארטן" ("CCLS"), און נוצט מאטריאל וואס זענען קולטוראל סענסיטיוו צו די ווערדן פון די ישיבות. ניין פון די פופצן ישיבות וואס DOE האט באזוכט (וואס איז אויספירליך באשריבן שפעטער) זענען אבזערווירט געווארן נוצנדיג די דאזיגע נייע קוריקולעם אין ELA און\אדער חשבון קלאסן.

די ישיבות האבן אנערקענט אז דאס אריבערגיין צום ניים קאריקולעם פארלאנגט פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פון זייערע שולע פירער און איינגעשטעלטע. 'פיערלס' האט אויפגענומען "דזשענערעישאן רעדי", א באקאנטע נאציאנאלע צו-שטעלער פון פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג סערוויסעס[2]. אום אויגוסט 10, 2016, האט א קאמיוניטי דיסטריקט סופעראינטענדענט אנטייל גענומען ביי א פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג סעסיע וואו עס האבן אנטייל גענומען אומגעפער 75-80 ישיבה פירער איבער די ניי-אויסגעארבייטע חשבון און ענגליש קוריקולעם. זיי האבן באקומען אינפארמאציע און טרענירונג אין CCLS, וויאזוי מ'טוישט אריבער צו דעם אופן פון לערנען, און דאס אויסגלייכן פון די "קאלעדזש און קאריערע גרייטקייט" סטאנדארטן, ווי אויך אינפארמאציע איבער אינטערדיסצפלינערע צוגאנגען צום משלב זיין די פעאיגקייט צו ליינען און שרייבן איבער פארשידענארטיגע מקצועות. אין יאנואר 2017, האבן צוויי הויכראנגיקע DOE פארטרעטער אנטייל גענומען אין א פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג סעסיע וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך "דזשענערעישאן רעדי" פאר ישיבה סעקולארע טיטשערס איבער ELA. עס דארף אויך באמערקט ווערן, אז דורכאויס די שולע באזוכן, האט די DOE אבזערווירט אז טייל ישיבות האבן אליין געמאכט קאנטראקטן פאר די סערוויסעס פון "דזשענערעישאן רעדי" קאוטשעס, זיי צו-צושטעלן פאר זייערע טיטשערס אנגייענדיגע פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג. אין אן ענטפער צו א DOE אינפארמאציע פארלאנג יאנואר 6, 2017, (וואס איז אויספירליך באשריבן אינעם נעקסטן חלק), האט א קאאליציע פון הויכראנגיקע פירער פון PEARLS, וואס רוב דערפון זענען ישיבה פירער, געשיקט א בריוו צום

---

[1] 'פיערלס' האט אינפארמירט די DOE אז די חשבון קאריקולעם איז שוין אויסגעברייטערט געווארן פאר די קלאסן צווישן 4 און 6, און אז די ענגלישע שפראך קאריקעלום גייט ביז די דריטע קלאס, קומט אויס א טאטאלע דעקונג פון די קלאסן צווישן 1 און 6 פאר חשבון, און קלאסן 3 ביז 6 פאר ענגליש.

[2] לויט איר וועב-זייטל, איז "דזשענערעישאן רעדי" איינס פון די גרעסטע אמעריקאנער צו-שטעלער פון טיטשער און שולע פירער פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג סערוויסעס, דורך א שותפות מיט דיסטריקטס, שולעס און סטעיט דעפארטמענטס אוו עדיוקעישאן. (וועב-זייטל אדרעס איז אנגעגעבן אין ארגינעלן ענגלישן בריוו)

DOE הויכראנגיקער סופערוויזניג סופעראינטענדענט, וואו עס איז בפרטיות געשילדערט די ארבעט וואס 'פיערלס' האט אונטערגענומען אין 2016 און אירע דערגרייכונגען אין אנטוויקלן קאריקולעם, ארויסגעבן טעקסטביכער, צוגרייטן קלאסצימער מאטריאל און טרענירן טיטשערס. דער בריוו שטעלט צו א קיצור וואס זאגט דאס פאלגענדע:

*"פיערלס" האט אויפגענומען א פינף-מיטגלידער קאריקולעם אנטוויקלונג גרופע וואס האט געארבעט מיט אונזערע שולעס אדער ישיבות, צוזאם צו שטעלן א פארבעסערטע קוריקולעם און צו אנטוויקלען לערן מאטריאל סיי פאר חשבון און סיי פאר ELA; האט זיך אנגעשלאסן מיט "סעדליער אקספארד" צו פובליצירן א קולטורעל-סענסיטיווע און "קאמאן-קאור-אויסגעהאלטענע" חשבון טעקסטביכער, און מיט "האוגטאן מיפלין" צוצוגרייטן פאסיגע לייען ביכער פאר אונזערע סקולס ELA פראגראמען; האט צוגעגרייט קאריקולעם אנווייזונגען און פולע לעקציע פלענער פאר די דאזיגע טעקסטביכער; און האט דורכגעפירט זעקס טיטשער טרענירונג מסיבות אין וועלכע הונדערטער טישטערס האבן אנטייל גענומען".*

אין צוגאב צום שילדערן בקיצור די דערגרייכונגען פון די 'פיערלס' קוריקולעם גרופע דורכאויס דעם יאר, האט דער בריוו אויך געשילדערט צוקונפטיגע פלענער ווייטער צו פארבעסערונגען דעם סעקולארן קוריקולעם. ספעציפיש, איז די קאמיטע'ס "צוקונפטיגער ציל איז אז "סאדליער אקספארד" זאל פראדוצירן 'פיערלס' חשבון טעקסטביכער פאר די ערשטע ביז נאך די זעקסטע קלאסן". דער בריוו ערקלערט אז 'פיערלס' ארבייט יעצט אויף "אן ELA קוריקולעם תמצית פאר די דריטע קלאס, און ווייטערדיגע פארבעסערונגען פאר די פערטע און פינפטע קלאסן" און איז אריין געטוען אין א "פאראייניגטן פראיעקט מיט 'סאדליער אקספארד' צו אנטוויקלען אן ענגליש און גראמאטיק קאריקולעם און מאטריאל פאר די קלאסן פון 5-6". מיט א בליק אויף די קומענדיגע יארן, שרייבט דער בריוו אז "אין די צייט וואס די סקולס ווערן באקוועם אין פארדייען און איינשטעלן די דאזיגע פראגראמען, וועלן מיר ממשיך זיין צו אנטוויקלן נאך חלקים פונעם קוריקולעם און לערן מאטריאל".

דער בריוו שליסט זיך מיטן שילדערן די טיטשער טרענירונג וואס איז צוגעשטעלט געווארן צו פארזיכערן אז די שולעס און זייערע טיטשערס זענען גרייט צו נוצן די נייע קוריקולעם מאטריאלן אויף אן עפעקטיווען פארנעם. לויטן בריוו, איז די ערשטער טרענירונג אפגעהאלטן געווארן אוגוסט 10, 2016 אלס א גאנצער-טאג פון פרינציפאלע פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג, ביי וועלכן אומגעפער 75 פרינסיפעלס, דעפארטמענט פירער און הויפט טישטערס האבן אנטייל גענומען. דער בריוו זאגט ווייטער אז נאך טרענירונגען זענען פארגעקומען סעפטעמבער 12 און 13 אין בארא פארק, קרוין הייטס און וויליאמסבורג, ביי וועלכן מער פון 265 טיטשערס האבן זיך באטייליגט, און אין וויליאמסבורג אקטאבער 27 און 30.

עס איז קלאר אז די שולעס האבן געמאכט פארשריט דורך שאפן א קולטוראל-אויסגעהאלטענע סעקולארע קוריקולעם און אויפגענומען די שטיצע וואס פאדערט זיך דאס דורכצופירן, אריינגערעכנט דאס אויפנעמען קוואליפיצירטע אויסערליכע טרעינירער, ווי באשריבן אויבן. הגם די DOE האט באקומען דעם תמצית און עטליכע סעמפלס פון די קוריקולעם, האבן די שולעס נישט צוגעשטעלט דעם גאנצן סעט מאטריאל, און דערפאר קען יעצט די DOE נישט אפשאצן די קוואליטעט פון די קוריקולעם.

**א-2. די ווערט פון לימודי קודש קוריקולעם אין ערמעגליכן קריטיש-טראכטן און טעקסט אנאליז פעאיגקייטן**

ביי די יוני 2016 מיטינג ביים DOE, האט א געזעץ פראפעסאר, און א פראפעסאר פון "נוצבארע פסיכאלאגיע", געמאכט פרעזענטאציעס איבער די ווערט פון לימודי קודש אלס א מעטאדע צו אנטוויקלען קריטיש-טראכטן פעאיגקייטן.
דער געזעץ פראפעסאר, וואס איז אויפגעוואקסן צווישן חסידים און האט געלערנט אין ישיבות, האט אויסגעשמועסט די מטרה פון א ישיבה חינוך, די ראלע וואס עס שפילט אין די חסידישע געמיינדע, און די פאראלעל צווישן דאס קריטיש-טראכן וואס פאדערט זיך אין די טעקסטואלע אנאליזירונג וואס ווערט געלערנט אין ישיבות, מיט די לעגאלע אנאליזירונג וואס פאדערט זיך אין (לאו סקולס) געזעץ שולעס.

די פראפעסאר פון נוצבארע פסיכאלאגיע האט באהאנדלט דאס נאכקומען "קאמאן קאור לוירנינג סטאנדארטס" דורך די לימודי קודש קוריקולעם. זי האט ערקלערט אז דאס לערנען גמרא[3], וואס איז א צוזאמענשטעל פון וויכוחים און ביאורים אויף די משנה[4], באארבייט סאציאלע מנהגים, מענטשליכער נאטור, מדות און פיליזאפישע פראגעס. זי ערקלערט ווייטער אז די "קאמאן קאור לוירנינג סטאנדארטן" קען זיין געדעקט דורך די ווערק, אריינגערעכנט סטאנדארטן אזוי ווי 'ליינען פאר אינפארמאציע'; צושטעלן טעקסטואלע ראיות צו שטיצן אן אנאליז; צוקומען צו מסקנות און לאגישע אויסגעהאלטנקייט. זי האט אויך ערקלערט די ראלע וואס איבערגעבן-געדאנקן-בעל-פה קען שפילן אין לערנען מיט קינדער קאנצעפטן און קולטור, איבערהויפט ביים זיך לערנען די ענגלישע שפראך. די פראפעסער האט פארפאסט סעמפל קאריקולעם "קראס-וואלק'ס" [א טאבעלע וואס צייגט ווי עטליכע סעפאראטע סיסטעמען קומען זיך צונויף] צו אילוסטרירן איר אנאליז, וואס זי האט איבערגעגעבן פארן DOE זומער פון 2017. א שטארקער ארגומענט איז געמאכט געווארן אז לימודי

---

[3] די גמרא איז דער רעקארד פון רבני'שע הדרכות וואס האט איז צוזאמענגעשטעלט געווארן אין א פארלויף פון ארום 600 יאר.

[4] די משנה איז די ערשטע יסודות'דיגע געשריבענע זאמלונג פון אידישע מינדיליכע טראדיציעס, באקאנט אלס [תורה] שבעל פה. עס איז אויך די ערשטע יסודות'דיגע ווערק פון רבני'שע ליטעראטור.

קודש קען זיין א מאכטפולע קאנטעקסט אין וועלכע צו אנטוויקלען קריטשע-טראכטונג און טעקסטואלע אנאליז פעאיגקייטן.

**ב. DOE פארלאנגען און אנבאט פון שטיצע**

דורכאויס דעם פראצעדור האט די DOE מערערע מאל אנגעבאטן צו-צושטעלן צוטריט פאר פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג; האט געמאכט נאכאנאנדיגע פארלאנגען פאר אינפארמאציע; און געמאכט נאכאנאנדיגע פארלאנגען צו באזוכן די שולעס. א צייט-ליניע פון די פארלאנגען פאר אינפארמאציע און אנבאטונגען פון הילף, ווי אויך אן איבערזיכט פונעם דיאלאג צווישן די DOE און די אנקלעגער, וועלכע איז אויספירליך געשילדערט אויבן), איז ווי פאלגענד:
אוגוסט 27, 2015: די סופעראינטענדענטס פון די באטרעפענדע דיסטריקטס האבן זיך געטראפן מיט פירער פון די ישיבות וואס זענען אויסגערעכנט אין די אנקלאגע, און פארלאנגט דאקומענטאציע פון זייער סעקולארע קוריקולעם און טיטשער קוואליפיקאציעס (זעט עמוד -- אויבן).
הערבסט 2015: די DOE האט זיך געטראפן מיט די אנקלעגער דורכצושמועסן די באשולדיגונגען. (זעט עמוד -- אויבן).
דעצעמבער 2015: די DOE פירט דורך סיי א קליינע גרופע מיטינג און סיי אינדיווידועלע אינטערוויו'ס מיט די אנקלעגער (זעט עמוד -- אויבן).
מאי 12, 2016: פארטרעטער פון די ישיבות און אנדערע עקספערטן טרעפן זיך מיט די DOE סופעראיטענדענטס און הויכראנגיקע אדמיניסטראטארן. (זעט עמוד-- אויבן).
יוני 2016: א מיטינג איז אפגעהאלטן געווארן מיט DOE פארטרעטער, עדיוקעישאן עקספערטן, און ישיבה פירער (די מיטינג איז באשריבן אויבן בפרטיות).
יולי 21, 2016: DOE פארטרעטער האבן זיך געטראפן מיט די ישיבה געמיינדע פירער דורכצושמועסן די געפלאנטע קוריקולעם ענדערונגען אין די ישיבות.

אויגוסט 3, 2016: א הויכראנגיקער ראטגעבער צום קאנצלער און דער הויכראנגיקער סופערווייזינג סופעראינטעדענט האבן זיך געטראפן מיט געמיינדע פירער דורכצושמועסן קוריקולעם ענדערונגען, און שולע באזוכן, ביי די ישיבות. צווישן אנדערן, האבן זיי דיסקוטירט די מעגליכקייט אז קאמיוניטי דיסטריקט סופעראינטענדענטס זאלן דורכפירן פאראויס-איינגעמאלדענע באזוכן אין די שולעס, צו אבזערווירן די איינשטעלונג פון די נייע סעקולארע קוריקולעם. זיי האבן אויך באהאנדלט די אויסברייטערונג פון די נייע קוריקולעם פאר די עלטערע קלאסן.
אויגוסט 10, 2016: אויף די איינלאדנונג פון די ישיבות, האט דער קאמיוניטי דיסטריקט סופעראינטענדענט זיך באטייליגט ביי די פראפעסיאנאלע אנטוויקלוג פאר ישיבה סקול פירער איבער די ניי-אויסגעארבייטע חשבון און ענגליש קוריקולעם (זעט פריער א שילדערונג איבער די סעסיע).

הערבסט 2016: DOE האבן זיך געמאלדן צו ישיבה קאמיוניטי פירער צו באקומען אינפארמאציע איבער די איינשטעלונג פון די נייע סעקולארע קוריקולעם און אנצובאטן שטיצע, ארייגערעכנט, מעגליך, פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג.

דעצעמבער 5, 2016: די DOE האט געשיקט א פארם-בריוו צו די ישיבות פארלאנגענדיג אינפארמאציע איבער דעם איינשטעל פון די קוריקולעם, און צוגעשטעלט א מעלדונג אז מ'איז אינטערסירט צו באזוכן די שולעס.

די DOE האט פארלאנגט אז יעדע שולע פירער זאל נוצן דעם פארם צו-צושטעלן אינפארמאציע וואס אנבאלאנגט דאס איינשטעלן די נייע סעקולארע קוריקולעם. דורך נוצן דעם פארם, וועט יעדער סקול פירער באשטעטיגן אז די פאלגענדע קוריקולעם איז געווארן אדער וועט ווערן איינגעשטעלט אין זייער שולע, אנגעהויבן אין די ווייטער-אויסגערעכנטע דאטומס:

> *חשבון, אין קלאסן צווישן 1-3, נוצנדיג די "סאדליער אקספארד פראגרעס אין חשבון" טעקסטבוך. די איינשטעלונג פון דעם קאריקולעם האט זיך אנגעהויבן אדער וועט זיך אנהויבן [שטעלט אריין דאטום], און וועט פארגעזעצט ווערן דורכאויס דעם 2016-17 שול-יאר.*
>
> *ענגליש, אין קלאסן צווישן 4-6, נוצנדיג "האגטאן מיפלין" שטאפל-ווייזע לייען ביכער, אריינגערעכנט שרייבן אינסטרוקציע. די איינשטעלונג פון דעם קוריקולעם האט זיך אנגעהויבן אדער וועט זיך אנהייבן [שטעלט אריין דאטום], און וועט פארגעזעצט ווערן דורכאויס דעם 2016-17 שול-יאר.*

דער פארם האט אויך פארלאנגט באשטעטיגונג פון די סקול פירער אז זיי פלאנען ממשיך צו זיין צו נוצן דעם קוריקולעם אין די קומענדיגע יארן, און אז זיי פלאנען איינצושטעלן נאך נייע סעקולארע קוריקולעם. דער פארם ענדיגט זיך מיט אן אויסדרוק דורך די סקול פירער אז זיי פארשטייען אז די NYC דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן קען מעגליך אפהאלטן באזוכן אויפן פלאץ כדי צו אבזערווירן אז מען נוצט טאקע די נייע קוריקולעם, און אז די באזוכן וועלן ווערן אראנזשירט פון פאראויס און געסקעדזשולט ווערן אין א צייט וואס איז קעגנזייטיג באקוועם.

יאנואר 23, 2017: א הויכראנגיקער ראטגעבער פארן קאנצלער, און א הויכראנגיקער ראטגעבער צום אפיס פון סופעראינטענדענטס האבן זיך באטייליגט ביי א פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג סעסיע איבער לערנען 'ELA', וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך "דזשענערעישאן רעדי", פאר טיטשערס פון סעקולארע שטודיעס. עס האבן אנטייל גענומען אומגעפער 80 טיטשערס וועלכע האבן ארויסגעוויזן אן אקטיווע אנטיילנעמונג דורכאויס א לעקציע איבער אויטאמאטישקייט.

מערץ 2017: מ'האט אנגעהויבן באזוכן שולעס, און מ'האט דאס פארגעזעצט ביזן ענדע פונעם שול-יאר.

אקטאבער 2017: דאס באזוכן שולעס האט זיך ווידער אנגעהויבן און האבן פארגעזעצט ביז דעצעמבער 2017.

**ג. אנאליז פון די 39 שולעס וואס זענען אויסגערעכנט אין די אנקלאגע**

דער בריוו פון יולי 2015 רעכנט אויס 39 שולעס מיט זייערע אינדיווידועלע אדרעסן. דער חלק שילדערט דעם סטאטוס פון יעדע פון די שולע-פלעצער וואס זענען אויסגערעכנט אין די אנקלאגע.

**ג-1. ניין פון די פלעצער זענען אויסער דעם ראם פון די אויספארשונג**

הגם די אנקלאגע בריוו רעכנט אויס 39 שולעס, זענען אבער נישט אלע אויסגערעכנטע שולעס אינעם ראם פון די אויספארשונג. די DOE האט זעלבסטשטענדיג נאכגעפארשט און פעסטגעשטעלט די אינפארמאציע דורך אינפארמאציע וואס געפינט זיך אינערהאלב דעם DEO'ס אפיס פון פריוואטע סקולס, דורך באזוכן יענע פלעצער, און דורך צו-טרעטן צו דאטא וואס געפינט זיך אין די NYSED און די SEDREF פארטאל. די DOE איז געקומען צום אויספיר אז ניין שולעס זענען אינדערויסן פון איר אויספארשונג ראם, רוב דערפון ווייל די שולע געפינט זיך אויף א פלאץ וואו די "באדייטענדע אייניגקייט" פאדערונג גילט נישט (ווייל זיי שטעלן צו בלויז פאסט-סעקאנדערי עדיוקעישאן, אדער ווייל עס איז פארשלאסן). די ניין פלעצער וואס זענען אויסערן ראם פון די אויספארשונג, וועלכע זענען אויף די רשימה אינעם אנקלאגע בריוו, זענען:

ישיבת תורת חסד

ישיבת מאשלוי

ישיבת מנחת אלעזר

יונייטעד טאלמודיקל אקאדעמיע, דיסטריקט 14 (לי עוועניו)

ישיבה קטנה

מתיבתא עץ חיים

יונייטעד טאלמודיקל אקאדעמיע, דיסטריקט 24

ישיבה און בית המדרש שערי

ישיבה תורה ויראה (יו.טי.עי.) דיסטריקט 14 (מארסי עוועניו)

איין פלאץ (יונייטעד טאלמודיקל אקאדעמיע, דיסטריקט 14-לי עוועניו) איז באזוכט געווארן און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א פלייש געשעפט, נישט קיין שולע.

דריי פלעצער (יונייטעד טאלמודיקל אקאדעמיע-(דיסטריקט 24), ישיבה און בית המדרש שערי, און מתיבתא עץ חיים) שטעלן צו אינסטטרוקציעס פאר תלמידים וואס זענען שוין העכער ווי הויך שולע. די "באדייטענדע אייניגקייט" שטאטוטן (נישט די פריערדיגע און נישט די אויסגעבעסערטע) זענען נישט גילטיג איבער שולעס אינדרויסן פון די K-12 קלאסן.

פיר פלעצער (ישיבה תורת חסד, ישיבה מאשלוי, ישיבה קטנה, און ישיבה מנחת אלעזר) זענען שוין מער נישט אקטיוו.
איין פלאץ (ישיבה תורה ויראה (יו.טי.עי.) דיסטריקט 14-מארסי עווענױ) איז נישט קיין שולע נאר א נוטרישאן צענטער.

## ג-2. 15 פון די שולעס זענען באזוכט געווארן דורך DOE

די DEO האט באזוכט 15 שולעס, וואס אלע דערפון זענען געווען עלעמענטרי שולעס (און טייל דערפון
זענען געווען נאר געוויסע כיתות פון א מוסד וואס פארמאגט מערערע פלעצער).
אין איינקלאנג מיט די SED אנווייזונגען, אויב אן ערנסטער פראבלעם איבער "אייניגקייט" ווערט אויפגעברענגט דארף "דער סופעראינטענדענט פון די סקול, ווען נייטיג, בעטן צן באזוכן די פריוואטע שולע אין א צייט וואס איז קעגנזייטיג באקוועם, כדי נאכצוקוקן די אינפארמאציע וואס האט געפירט צו די באהויפטונג אז עס איז נישטא קיין "אייניגקייט"". דער סופעראינטענדענט דארף אויך " איבערקוקן די מאטריאל און אינפארמאציע וואס איז פארבינדן מיט די באהויפטונג און דורכשמועסן מיט די פריוואטע שולע באאמטע פלענער וויאזוי צו פאריכטן דעם פעלער" אין פארלויף פון א מעסיגע שטיק צייט.

צווישן מערץ און דעצעמבער 2017, האט די DOE באזוכט די פאלגענדע שולעס:
ישיבה בני ציון, דיסטריקט 20 (48 סטריט)
ישיבה תלמוד תורה תולדות הלל
ישיבה חתן סופר
ישיבה קהלת יעקב, דיסטריקט 14
ישיבה מחזיקי הדת
ישיבה קארלין סטאלין
ישיבה בנות מלכה
בית רחל ד'סאטמאר, עלעמענטרי
ישיבה תורה ויראה
יונייטעד ליובאוויטשער ישיבות
ישיבה בית הלל
ישיבה באיאן
ישיבה יסודי התורה
ישיבה אהבת ישראל
ישיבה מוסדות חסידי סקווער, דיסטריקט 20

דורכאויס די באזוכן, האבן DOE סופעראינטענדענטס, הויכראנגיקע אדמיניסטראטארן און אדוואקאטן זיך געטראפן מיט שולע פירער זיך צו אינטערסירן איבער די היסטאריע און תכלית פון יעדע שולע, און באזוכט קלאס צימערן וואו לימודי קודש און סעקולארע טעמעס ווערן געלערנט. DOE שטאב מענטשן האבן זיך קודם געטראפן מיט ישיבה סקול פירערשאפט פאר א פרעזענטאציע וואס האט טיפיש ארייגערעכנט דעם אפשטאם פון די סעקטע/חסידות וואס איז פארבינדן מיט די ישיבה, די געשיכטע פון די ישיבה, דער 'מיסיע סטעיטמענט' פון די ישיבה, און אן איבערבליק פון איר אינסטרוקציע פראגראם. נאך די פרעזענטאציע, האבן DOE פארטרעטער באזוכט צווישן פיר און אכט קלאס צימערן. קלאס צימער באזוכט האבן אריינגערעכנט סעקולארע ווי אויך לימודי קודש קלאסן, וואס זענען געלערנט געווארן אויף ענגליש, אידיש, לשון הקודש אדער אראמיש, אדער א געמיש פון אלע. א תמצית פון אלגעמיינע אבעזערוואציעס פאלגט נאך:

<u>*סעקולארע אינסטרוקציע פאר כיתות צווישן פרי-קעי און 8:*</u> אין יעדע ישיבה, האבן די שולע פירער אויסגעדריקט פארפליכטונג אויסצובררייטערן די תלמידים'ס אויסגעשטעלט'קייט צו סעקולארע אינסטרוקציע און צו פארבעסערן די אינסטרוקציע זעלבסט. טייל פון די שולעס האבן געגעבן משלים פון דערפאלגרייכע ערוואקסענע מענטשן וועלכע האבן געלערנט אין זייער מוסד. טייל שולעס האבן ספעציפיש גערעדט איבער די וויכטיגקייט פון א סעקולארן חינוך. פינף שולעס האבן אדאפטירט די 'פיערלס' ELA קוריקולעם, און זעקס שולעס האבן אדאפטירט די 'פיערלס' חשבון קוריקולעם. געוויסע שולעס האבן געזאגט אז זייערע לעקציעס ווערן געפירט דורך א קוריקולעם מאפע און א 'לענג און ברייט' וואס איז כולל 'פארהערן בשעת'ן לערנען' צו צייגן דעם פארשריט פון די תלמידים, און אינפארמירן זייערע משפחות דערוועגן. צוויי שולעס האבן געוויזן 'סטודענט אפשאצונגען'. פילע שולעס האבן געזאגט אז זייער סעקולארע שטודיעס ווערן געלערנט סוף טאג. אבער טייל האבן געזאגט אז אז זיי בויען אריין סעקולארע שטודיעס דורכאויס דעם טאג. אין איין שולע ווערן אלע אינסטרוקציעס, אריינגערעכנט לימודי קודש, געלערנט אויף ענגליש. פון די 15 שולעס וואס זענען באזוכט געווארן, האבן צען שולעס געזאגט אז זיי שטעלן צו כסדר'דיגע פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג און ביי לכל הפחות צוויי שולעס האט DOE אבזערווירט אז "דזשענערעישאן רעדי" קאוטשעס געפינען זיך אין די קלאס. צוויי פון די שולעס האבן געזאגט אז זיי ארבעטן מיט "לוסי קאלקינס", וואס האט געשאפן די "שרייבן פראיעקט" אין "טיטשערס קאלעדזש". עטליכע שולעס האבן אן אייגענעם קוריקולעם שטאב מיטגליד וועלכער שטעלט צו כסדר'דיגע שטאב אנטוויקלונג.

<u>*חשבון:*</u> DOE פארטרעטער האבן באזוכט חשבון קלאסן אין 11 פון די 15 ישיבות. אלעס אינאיינעם, זענען 14 חשבון קלאסן געווארן באזוכט; זעקס האבן זיך באנוצט מיט די 'פיערלס' קאריקולעם. די חשבון לעקציעס וואס זענען אבזערווירט געווארן האבן געדעקט די קלאסן צווישן דריי און זעקס, אין פארשידענע טעמעס אריינגערעכנט: 'פלעיס וועליו', 'מאלטיפליקעישן און דיוויזשאן', 'עקספאנענטס און סייענטיפיק נאוטעישאן', 'דעסימעל און פרעקשאנס' און 'פריים נומערן'.

*ענגליש:* DOE פארטרעטער האבן באזוכט ELA קלאסן אין 13 פון די 15 ישיבות. אלעס אינאיינעם, זענען 27 ELA קלאסן באזוכט געווארן; פינף האבן גענוצט די 'פיערלס' קאריקולעם. חוץ מזה, האבן עטליכע לימודי קודש קלאסן אנטהאלטן אקעדעמישע 'וואקאבולערי' אויף ענגליש. די ELA לעקציעס וואס זענען אבזערווירט געווארן דעקן פון די ערשטע ביז די אכטע קלאסן אין פארשידענע טעמעס, אריינגערעכנט: 'פאנאמיק אווערנעס', 'ווארד רעקאגנישאן', דער באנוץ פון 'פלורלס', 'סיקווענסינג אוו איידיעס' אין בעפארברייטונג פון עסעי באשרייבונגען, דער באנוץ פון 'טראנזישאנס' און גראמאטיק.

*וואוסענשאפט:* DOE פארטרעטער האבן באזוכט 'סייענס' קלאסן אין דריי פון די 15 ישיבות, וואס צוויי דערפון זענען געווען אין מוסדות פאר מיידלעך. אלעס אינאיינעם, זענען פינף 'סייענס' קלאסן געווארן באזוכט (צוויי דערפון אין די זעלבע שולע). די 'סייענס' לעקציעס וואס זענען געווארן אבזערווירט געווארן זענען געווען אין די כיתות צווישן פיר און זיבן, און האבן געדעקט פארשידענע טעמעס אריינגערעכנט 'דעסטיני און וואג', 'טראנסמיסיע פון קול כוואליעס', דער מענטשליכער סקעלעט סיסטעם, און דער צירקולאציע סיסטעם. טייל פון די לעקציעס האבן אנטהאלטן עקספירימענטן.

*היסטאריע/סאציאלע שטודיעס/געאגראפיע:* DOE פארטרעטער האבן באזוכט דריי היסטאריע קלאסן אין צוויי פון די 15 ישיבות, וואס איינס איז געווען פאר אינגלעך און די אנדערע פאר מיידלעך. איין איין אזא קלאס האט מען געלערנט אויף אידיש, איז געווען א 'וועלטס היסטאריע' קלאס וואס קאנצעטרירט זיך אויף תורה'דיגע היסטאריע. אין די אנדערע האט מען געלערנט אויף ענגליש, איז געווען אן אמעריקאנער היסטאריע קלאס וואס האט זיך קאנצעטרירט אויף די 'רעוואלוציאנערישע קריג'. די דריטע קלאס, וואו מען האט געלערנט אויף ענגליש, האט זיך קאנצעטרירט אויף די 'לואיס און קלארק עקספעדיציע' און די 'לואיזיאנא אפקויף'.

*געזונטהייט און פיזישע ערציאונג:* DOE פארטרעטער האבן אבזערווירט איין פיזישע עדיוקעישאן קלאס אין איין ישיבה פאר אינגלעך ווי תלמידים האבן זיך אויסגעצויגן און געמאכט 'קעליסטעניקס'.

*טיטשער קאמפעטענץ און פרעפעסיאנאלע אנטוויקלונג:* DOE פארטרעטער האבן געהערט פון שולע פירער ביי געוויסע ישיבות אז זיי נעמען געווענליך אויף טיטשערס מיט ווייניג ערפארונג, און דערפאר האבן זיי א ספעציעלן געברויך צו אינוועסטירן אין פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג. עטליכע שולעס האבן אייגענע קאריקולעם פירער און עטליכע האבן געהאט קאנטראקטס מיט קאוטשעס (אזוי ווי 'דזשענערעישאן רעדי' און לוסי קאלקינס 'רייטינג פראדזשעקט' ביי 'טיטשערס קאלעדזש'). איין שולע פירער האט געזאגט אז די עדיוקעישאן פיליזאפיע פון יענער שולע איז געווארן אויסגעפארעמט דורך די ווערק פון אזעלכע עדיוקעישאן מומחים ווי למשל קאראל דוועק, א באוואוסטער סטעמפארד יוניווערסיטי פסיכאלאג וואס איז באוואוסט פאר איר ארבעט אין סאציאל-עמאציאנאלע לימודים. אן

אנדערער שודע פירער האט גערעדט איבער די וויכטיקייט פון זיך באנוצן מיט מיטלען וואס האבן זיך ארויסגעשטעלט ווירקזאם צו קלאס צימער פראקטיצירונג, וואס איז אנטוויקלט געווארן פאר 'ענגליש אלס א נייע שפראך' תלמידים, וויבאלד רוב פון אירע תלמידים באפעלקערונג הייבן אן צו גיין אין שולע רעדענדיג בלויז אידיש.

*אינסטרוקציע שפראך:* פון אלע קלאסן וואס זענען באזוכט געווארן דורך DOE, זענען פונקט איבער א דריטל דערפון (37%) זענען געווען לימודי קודש וואס איז מען האט געלערנט אויף אידיש, לשון הקודש אדער אראמיש. די לעקציעס אין די קלאסן האבן זיך קאנצעטרירט אויף אויסצוגן פון תורה'דיגע טעקסטן, אריינגערעכנט די תורה און די גמרא. טייל פון די קלאסן האבן אויך אריינגעפעדימט סעקולארע אקאדעמישע טעמעס אינערהאלב די לעקציעס.

מיר שעצן די שולעס וועלכע האבן ערלויבט די באזוכן, און דעם קלארן גייסט פון קאלאבאראציע און אינטערעסע כסדר'דיגע פארבעסערונגען וואס עס צייגט. מיר פארלאנגען ווייטערדיגע אנווייזונגען פון די SED אונז צו ערלויבן ווייטער צו ארבייטן אויף א קאאפעראטיווען און פראדוקטיוון אופן מיט די שולעס, צו אנטוויקלען פלענער פאר ווייטערדיגע קאלאבאראציע און פארבעסערונג, וואו עס פארלאנגט אויס.

**ג-3. די DOE קען נישט באזוכן די פארבליבענע 15 שולעס**

פון די פארבליבענע 15 שולעס זענען ניין אזעלכע וואס זענען אויס צו זיין עלעמענטרי שולעסת און זעקס וואס זענען אויס צו זיין הויך-שולעס. זייט אויגוסט 3, 2016, האט די DOE מערערע מאל פרובירט צו באקומען צוטריט צו די שולעס. הגם אין א געוויסע מינוט האט מען ערהאלטן א התחייבות צו צו-שטעלן צוטריט צו די ניין פארבליבענע עלעמענטרי שולעס, האט מען אבער קיינמאל נישט באקומען אזא התחייבות פון די זעקס הויך-שולעס, און בכל אופן, דער איינפאכער פאקט איז אז DOE האט נישט באקומען קיין צוטריט צו קיין איינע דערפון. די לאנגע שפעטיגונג אין סקעדזשול'ן באזוכן צו די גרופע פון 15 שולעס איז אן ערנסטער פראבלעם. פאלגענד איז א רשימה פון די 15 שולעס צו וועלכן די DOE האט נישט געקענט באקומען קיין צוטריט:

יונייטעד טאלמודיקל אקאדעמיע, דיסטריקט 13
בית רחל ד'סאטמאר, היי סקול
תלמוד תורה בני שמעון
מוסדות חסידי סקווער, דיסטריקט 14
תלמוד תורה ד'קאשוי
ישיבה בני שמעון ישראל
ישיבה חמדת ישראל כרם שלמה

קאנגריגעישאן אור מנחם
ליובאוויטש אהלי תורה
ליובאוויטש'ער היי סקול, דיסטריקט 17
ישיבה/מתיבתא בית ישראל
ישיבה קהלת יעקב, דיסטריקט 20
תלמוד תורה תפארת בנים
יונייטעד טאלמודיקל אקאדעמיע, דיסטריקט 20
ישיבה בני ציון, דיסטריקט 20 (15טע עוועניו)

היינט האט דער ישיבה פארטרעטער פון 8 פון די שולעס אונז איינגעמאלדן אז זיי זענען וויליג צו סקעדזשול'ן באזוכן. מיר האבן פארלאנגט אז, ביז די ענדע פונעם היינטיגן טאג, זאלן זיי צו-שטעלן א צייט און א דאטום פאר די באזוכן.
וואס אנבאלאנגט די אלע 15 שולעס וועלכע זענען נישט באזוכט געווארן, טוט די DOE פארלאנגען הדרכות פון די SED וויאזוי זיך אומצוגיין.

**4. פארלאנג פאר הדרכה וואס אנבאלאנגט קומענדיגע שריט.**

די DOE האט געזוכט זיך אריין צו לאזן אין א פראדוקטיוון דיאלאג מיט אלע רעלעוואנטע פאראינטערסירטע איבער די נושא.

די DOE וויל אונטערשטרייכן איר איבערצייגונג אז דורך א קאלאבאראטיווע אונטערנעמונג פון אלע פאראינטערסירטע צדדים, האט מען שוין געמאכט פארשריט. נאכמער, בשעת'ן באזוכן 15 שולעס, האט די DOE אבזערווירט גוטע מהלכים – אריינגערעכנט דאס צוזאם-פארן תלמידים פאר זעלבסטשטענדיגע שטודיעס, גרופירן תלמידים פאר פארשידענארטיגע אינסטרוקציע, 'קאוטשינג' וואס ווערט צוגעשטעלט אין קלאס דורך ליטעראסי עקספערטן וואס ארבייטן אונטער קאנטראקט, דער באנוץ פון 'קיינעסטעטיק מאדאליטיס' אלס אן 'ענגליש ווי א נייע שפראך' (ENL) סטראטעגיע, אנפירן וואוסענשאפטליכע עקספערימענטן טיפער צו מאכן די הבנה פון דעם חומר וואס ווערט געלערנט, און דער באנוץ פון אודיאו/וויזשועל געהילפן וואס שטעלט צו דעם קאנטעקסט און טוט אילוסטרירן דעם חומר וואס מ'לערנט דורך לעבעדיגע וועלט-משלים – אט דאס זענען אלע זאכן וואס קענען מיטגעטיילט ווערן דורכאויס די ישיבה קאמיוניטי, רעספעקטירענדיג די קולטור און טראדיציע פון די געמיינדע. די DOE טרעט פאראויס אין איר מיטארבייט מיט די שולעס וואס זענען באזוכט געווארן כדי ווייטער אויפצובויען די מהלכים. נאר וואס דען, אין ליכט פון די לעצטיגע אויסבעסערונגען פונעם עדיוקעישאן געזעץ חלק 3204 וועלכע איז מוסיף אז פעאיגקייט-באזירטע פאקטארן זאלן אויך ווערן גענומען אין באטראכט ביים באשטימען די "אייניגקייט" פון אינסטרוקציע פאר שולעס וואס קומען נאך א געוויסע קריטעריע, און געבן איבער פארן קאמישאנער די

אויטאריטעט צו באשטימען צי די שולעס שטעלן טאקע צו א "באדייטענד אייניגן" חינוך, ממילא האלט די DOE אז די מערסט-פראקטישע שריטביים איצטיגן שטאפל איז צו פארלאנגן ווייטערדיגע הדרכה.

ספעציפיש, פארלאנגט די DOE הדרכה איבער די פאלגענדע ענינים:

- וויאזוי זיך אומצוגיין מיט די יעניגע שולעס וועלכע האבן נאך דערווייל נישט געשאנקן קיין צוטריט פאר DOE מחנכים צו באזוכן (זייערע מוסדות), און/אדער ווי פיל צייט וואלט געווען אקצעפטירבאר אלס נארמאל צוווארטן צו באקומען צוטריט;
- וויאזוי זיך אומצוגיין אין א קאלאבאראטיווע פלאנירונג פראצעדור מיט אזעלכע שולעס וואס האבן ארויסגעוויזן אינטערעסע און ווילִיגקייט מיטצוטיילן און ווייטער אויפבויען די מהלכים, אין פעלער ווי ס'איז רעקאמענדירט צו נעמען ווייטערדיגע שריט;
- וויאזוי זיך אומצוגיין מיט שולעס ווי די געזעצליכע פאראנטווארטליכקייט האט זיך גערוקט פון DOE צו די SED, וויאזוי וואס עס איז די SED החלטה לגבי וועלכע שולעס זענען אין די קאטעגאריע.

**צום שלוס:**

ווי אויסגעשמועסט מערערע מאל אינעם קאנטעקסט פון דיסטריקט סקולס, איז די ארבייט פון פארבעסערן שולעס גאנץ א שווערע, עס פארדערט נאכאנאנדיגע באמיאונגען איבער א תקופה פון צייט דורך אלע פאראינטערסירטע צדדים אין א שולע געמיינדע, און איז פון העכסטן וויכטיגקייט פארן צוקונפט פון די קינדער אין ניו יארק סיטי.  איך בין העכסט צופרידן אז טייל פון די שולעס וואס זענען געשילדערט אין דעם בריוו זענען פארפליכטעט צו גיין אויף דעם וועג, און איך קוק ארויס אויף אייער שטיצע אין אויסארבייטן א קלארן מהלך אויף פאראויס פאר יעדן איינעם.

מיט עהרע,

ריטשארד א. קאררענזא

קאנצלער